NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05381

MAYSELEKH FAR KINDER

Permanent preservation of this book was made possible
by Rosalie Gerut
in memory of
her father, Aryeh-Leyb Fingerhut, father of Rosalie & Zachary Gerut

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מעשהלעך פאַר קינדער

געזאַמלט און רעדאַקטירט

פון

ל. טענצער

אילוסטרירט פון

ריטאַ בריאַנסקי

פאַרלאַג: יידישע שול

מאָנטרעאל, תש״ל

Tales for Children

SELECTED AND EDITED

by

L. TENCER

ILLUSTRATIONS:

RITA BRIANSKY

Copyright

JEWISH SCHOOL PUBLISHING HOUSE

7950 Wavell Rd.

Cote St. Luc 268, Que.

Printed in Canada by

THE NORTHERN PRINTING AND LITHOGRAPHING CO.

Montreal, Quebec

1970

פאַרלאַג יידישע שול
ביי די מאָנטרעאלער
יידישע פרץ-שולן און פאָלקס-שולן
געגרינדעט פון ירושה פאָנד
אין אָנדענק פון
נילאַ און אָטאָ ליבערמאַן ע״ה
(קאַראַקאַס, ווענעזועלאַ)

Jewish School Publishing House of the
JEWISH PEOPLE'S SCHOOLS
JEWISH PERETZ SCHOOLS
Established by a Gift from the Estate of
NILA & OTTO LIEBERMAN
(Caracas, Venezuela)

דאָס מעשהלע מיט אַ ציגעלע[1] און אַ וואָלף



א

דאָס וועלפעלע[2] גייט אין שול אַריין

אַמאָל איז געווען אַ וואָלף. האָט דער וואָלף געהאַט אַ וועל-פעלע. האָט ער געשיקט דאָס וועלפעלע אין שול אַריין.

האָט דער לערער דאָס וועלפעלע אַ לידעלע אויסגעלערנט:

אַלף, בית, גימל,
פינצטער איז דער הימל.
דלת, הא, וואָוו,
לויפט אַ וועלפעלע צו די שאָף.
זיין, חית, טית,
ניטע, וואָלף, די שאָף ניט עס!
יוד, כף, כף,
גאָטס רחמנות אויף די שאָף!

[1] Little Goat. [2] Little Wolf.

קומט דאָס װעלפּעלע אַהײם פֿון דער שול, פֿרעגט עס דער טאַטע:

— װאָס האָסטו געלערנט, זון?

— אַ לידעלע!

— אַ לידעלע? לאָמיך עס הערן!

זינגט דאָס װעלפּעלע דאָס לידעלע דעם טאַטן. שמײכלט דער טאַטע. „אַ װאױל לידעלע״ — זאָגט ער — „איך האָב אַמאָל אַזױנע לידעלעך געזונגען, קינדװײז...״

די מאַמע דערלאַנגט דעם קינד אָנבײסן [3], אַ פּעט לונג [4] און לעבערל [5] מיט אַ פּופּיקל [6] — נאַ, עס — זאָגט זי — מײן קינד, און זאָל דיר װאױל באַקומען! [7] זיך אָנגעהאָרעװעט [8] נעבעך! דעם ערשטן טאָג אין שול און שױן אַ גאַנץ לידעלע אױף אױסנ־ װײניק! מיר פֿאַר דײן קעפּעלע! און זי קושט איר זון אין קעפּע־ לע.

ב
דאָס ציגעלע אין װאַלד

שפּעט בײנאַכט גײט דער װאָלף אין װילדן װאַלד שפּאַ־ צירן [9]. גײט ער, גײט, און אונטער דער נאָז ברומט ער זיך:

[3] Lunch. [4] Lung. [5] Chicken liver. [6] Chicken stomach. [7] Enjoy it well. [8] Worked hard. [9] To take a walk.

אַלף, אַלף, אַלף,
אַלף, אַלף, בית
איך אַ לידל ווייס.

און אַ לידעלע, דעם זונדעלעס לידעלע, זינגט ער זיך. בלאָנ־דזשעט [10] אין וואַלד אַ פּיצעלע ציגעלע. פון דער היים נאָך מיטן ווייסן טאָג [11] אַוועקגעגאַנגען און איצט איז שוין פינצטערע נאַכט. זוכט עס אין שרעק, זוכט אַהין, זוכט אַהער, פאַרבלאָנ־דזשעט עס נאָך ווייטער און קען דעם וועג נישט געפונען, ערשט — מע זינגט!

שטעלט עס זיך אָפּ, די אויערלעך שפּיצט עס אויף, הערט זיך איין: אַ לידעלע! אַ לידעלע זינגט מען! אַזאַ האַרציק לידעלע.

זיין, חית, טית,
ניטע, וואָלף — די שאָף ניט עס!
יוד, כּף, כף
גאָטס רחמנות אויף די שאָף!

טראַכט זיך דאָס ציגעלע: ווער זינגט עס אַזאַ גוט און פרום לידעלע? — געוויס אַ גוטער און אַ פרומער.

גייט עס, דאָס ציגעלע, נענטער, נאָכן קול גייט עס, צום וואָלף גייט עס צו, די הערנערלעך [12] צו דער ערד בייגט עס, מיטן רעכטן פיסעלע דריי מאָל שאַרט עס, ווי די מאַמע האָט עס גע־לערנט, און עס זאָגט:

— גוטן אָוונט!

— גוטן אָוונט! גוט יאָר! וואָס וויל אַ בחורל [13] זאָגן?

10 Lost his way. 11 Early morning. 12 Little horns.
13 Young lad.

— קען איך ניט ביי אייך איבערנעכטיקן[14]? כ׳האָב פאַר־בלאָנדזשעט.

— דאַרפסט נאָך פרעגן! — זאָגט דער וואָלף — אַפילו זאָלסט ניט וועלן מוזסטו ביי מיר איבערנעכטיקן! ווי קען מען דען אַזאַ וועווריקל[15] ווי דו, לאָזן ביינאַכט אַליין אין וואַלד בלאָנדזשען?

— אַ שיינעם דאַנק! — זאָגט דאָס ציגעלע — וואו וואוינט איר? ווייט פון דאַנען? איך בין אַזוי מיד!

— זאָרג זיך נישט טייערע, איך וועל דיך טראָגן — זאָגט דער וואָלף.

— אויף די פּלייצעס?[16] — פרעגט דאָס ציגעלע.

וואָס גאָר אויף די פּלייצעס? נאַריש קינד וואָס דו ביסט! פון די פּלייצעס קענסטו דאָך, חלילה, אַראָפּפאַלן, די הערנערלעך צעברעכן!

— וואו זשע דען?

— אין בויך — זאָגט דער וואָלף — ביי מיר אין בויך וועל איך דיך טראָגן!

— אין בויך? — דערפרייט זיך דאָס ציגעלע — אין בויך ווי די מאַמע? די מאַמע זאָגט: איידער[18] מיך געבוירן, זי מיך אין בויך געטראָגן. אין ערגעץ ניט אַזוי גוט ווי ביי אַ מאַמען אין בויך!

— אַזוי די מאַמע דיר דערציילט?

— יאָ, די מאַמע!

— ע! ביי מיר אין בויך אַ ביסעלע בעסער! וועסט שוין זען! דיר זיך נישט גלוסטן[19] אַרויסצוגיין!... נאַ, קריך! — זאָגט דער וואָלף און עפנט ברייט דאָס מויל — קריך! — זאָגט ער — נאָר

[14] To stay overnight. [15] Little Squirrel. [16] Shoulders.
[17] Belly. [18] Before. [19] Desire.

פּאַמעלעך[20] זאָלסט מיט די קאָפּעטקעלעך[21] די ציין מיר ניט אויסשלאָגן! דו שקאָץ[22] איינער וואָס דו ביסט!

לאָזן מיר דעם וואָלף שטיין און וואַרטן; זאָל ער וואַרטן, ביז דאָס ציגעלע וועט אַליין צו אים אין פּיסק[23], אין אָפּענעם קריכן. עס מאַכט נישט אויס. ער מעג אַ ביסעלע וואַרטן!

און מיר ווילן דערווייל צום אַלטן אייכנבוים[24] גיין. דער אַלטער אייכנבוים וואָס איז ער אַזוינס?

אַ הויכער, אַ ברייטער,
אין מיטן וואַלד שטייט ער,
פון דרויסן ווי קויל,
און אינעווייניק הויל[25]!

און ווער וואוינט אין אַלטן אייכנבוים? — די רויטע אַלעפּלעך!

ווער זשע זענען עס די רויטע אַלעפּלעך?
וועל איך אייך דערציילן:

ג

די רויטע אַלעפּלעך

אויף דער וועלט זענען שרעטעלעך-פּיצעלעך[26] פאַראַן, אַזוינע פּיצינקעלעך ווי די אותיות, די יידעלעך אין קליינע, קליינע ביכעלעך.

און רויטינקע ווי פייער זענען זיי, די שרעטעלעך. ווי אַזוי זשע רופט מען זיי? רויטע יידעלעך. האָבן זיי, די רויטע יידעלעך, קליינע רויטע פערדעלעך. כאַפּן זיך די רויטע יידעלעך אויף די פערדעלעך אַרויף און שטייענדיק, ווי פלינקע רייטערלעך[27], אויף די פערדעלעך זיי פליען. און אַז די רויטע יידעלעך אויף די פערדעלעך שטייענדיק פליען, זעען זיי אויס פון דער

[20] Slowly. [21] Little hoofs. [22] Rascal.
[23] Animal's mounth. [24] Oak. [25] Hollow. [26] Elves.
[27] Little Horsemen.

ווייטנס, די רויטע יידעלעך אין איינעם מיט די רויטע פערדע־לעך, ווי רויטע אַלעפלעך.

אָט דאָס זענען זיי די רויטע אַלעפלעך, וואָס אין אַלטן, אין הוילן אייכנבוים, אין מיטן וואַלד, אין ווילדן וואוינען.

איז דער וואָלף פאַרביי דעם אַלטן אייכנבוים געגאַנגען און געברומט:

אַלף, אַלף, אַלף,
אַלף, אַלף, בית.

זאָגט איין אַלעפל צום צווייטן: זע נאַר, מע רופט! — און אַרויס אין דרויסן צו זען ווער עס רופט.

זעט דאָס רויטע רייטערל: דער וואָלף גייט און אַ לידעלע זינגט ער זיך. געפעלט עס אים, דעם רייטערל; דעם וואָלפס לי־דעלע געפעלט אים. אויסלערנען דאָס לידעלע ווילט זיך אים. פאַרט עס נאָך דעם וואָלף, פּוסטריט פאָרט עס נאָך. דער וואָלף זינגט, דאָס רייטערל זינגט אונטער. פּלוצעם — אַ ציגעלע:

— גוטן אָוונט!

— גוט יאָר.

— קען איך ניט ביי אייך איבערנעכטיקן?

— אַך, פאַרוואָס ניט? קריך צו מיר אין בויך!

און דער וואָלף עפנט אַ פּיסק.

זעט דאָס רויטע יידעלע ס׳איז שלעכט, דאָס ציגעלע צום וואָלף אין בויך אַריין קריכט, טוט דאָס רויטע יידעלע אַ געשריי:

— געוואַלד [28] אַנטלויף! דערשרעקט זיך דאָס ציגעלע, די פּיסעלעך אויף די פּלייצעס כאַפּט עס, אָן אַן אָטעם עס לויפט און לויפט.

וויל דער וואָלף נאָכלויפן, טוט באַלד דאָס יידעלע פונעם פערדעלע אַ שפּרונג און גלייך צום וואָלף אין אויג אַריין. נעמט דער וואָלף טאַנצן, אויף איין אָרט טענצלט ער זיך און ער זאָגט:

[28] Help!

טפו! טפו! טפו!
ווינטעלע, ווינטעלע,
טרייב אַרויס פון אויג דאָס פּינטעלע.

דער וואָלף אויף איין אָרט טענצלט זיך, און דאָס ציגעלע לויפט און צוריק קוקט עס ניט. לויפט. לויפט עס ביז עס קומט פון ווילדן וואַלד אַרויס. פון ווילדן וואַלד אַרויס — אויפן גלייכן וועג אַרויף; אויפן גלייכן וועג אַרויף — איבערן קרומען בריקעלע געשפרונגען, איבערן טיפן טייכעלע געשוואומען, צו דער מאַמעשע געקומען.

פרעגט די מאַמעשע:

— וואו ביסטו געוועזן?

— אין ווילדן וואַלד.

— וואָס האָסטו געזען?

— גרינע בלעטער.

— און וואָס נאָך?

— אַ פרומען פעטער.

— וואָס האָט ער געטאָן?

— מיטן צינגעלע געקלונגען, אַ לידעלע געזונגען.

— ס'אַראַ לידעלע?

— זיין, חית, טית, ניטע וואָלף, די שאָף ניט עס!

— אַזאַ גוטער! אַזאַ וואוילער! פאַרוואָס צו גאַסט אים ניט גערופן?

—פאַרן שרעטעלע זיך דערשראָקן!

ס'אַראַ שרעטעלע?

— פונעם פייער-רויטן שטעטעלע!

ס'האָט ווי פייער רויטע לאָקן[29]!

אויף די פיסלעך שיך און זאָקן,

אויפן קאָפּ אַ רויטע פעס;

טוט עס מיט דער באָרד אַ טרעס,

שפּרינגט אַרויס פון איר אַן אַלף,
פון דער אַלף ווערט אַ חלף [30].
אוי, אַ חלף מיט צוויי קלינגען!
נעמט ער אין דער לופטן שפּרינגען,
און ער שניידט אויף לינקס, אויף רעכטס,
האָב געזען איך, אַז ס׳איז שלעכט
און געפאַלן אויף אַן עצה [13]:
גיך געכאַפּט די פיס אויף פּלייצע
און געלאָפן, און געלאָפן,
צו דער מאַמען איך געטראָפן.

— טפו! טפו! טפו! — שפּייט די מאַמע אויס. איר קינדעלע באַלעקט זי, שלעפט עס [32] איין און זינגט צו:

שלאָף, מיין טייער ציגעלע!
לעבן דיין קליין וויגעלע
שטייט אַ הערש מיט הערנער קרומע
און דאָס פעטערל „דאָס פרומע״.
ביז גאַנץ פרי פאַרבלייבן זיי
וואו קיין וואַסערל ניט רינט.
שלאָף, מיין פּיצעלע, מיין קינד!

שלאָפט איין דאָס ציגעלע. שאַ, שטיל! דערפאַר מאָרגן אַז סע וועט זיך אויפכאַפּן געזונט און שטאַרק און פריילעך, וואָס זיך אים געחלומט וועט עס אייך דערציילן. ש-שאַ!

29 Curls. 30 Slaughtering knife. 31 Thought of a plan.
32 Put to sleep.

ש. באַסטאָמסקי

די דריי חכמות [1]

(מעשהלעך פון אַלטע יידישע ספרים)

דריי ברידער זענען אַמאָל אַרויסגעפאָרן אויף דער וועלט כדי צו לערנען חכמה. זענען זיי געקומען צום מלך שלמה. זאָגט זיי דער מלך:

— בלייבט ביי מיר, וועל איך אייך חכמה לערנען.

זענען זיי געבליבן ביי אים דרייצן יאָר און געווען זיינע קאַמערדינערס [2].

נאָך די דרייצן יאָר טראַכטן זיך די ברידער:

— נאָך וואָס האָבן מיר אויף אַזוי לאַנג פאַרלאָזט [3] אונדזערע היימען? מיר זענען אַהער געקומען חכמה לערנען; צום סוף האָבן מיר דרייצן יאָר אָפּגעדינט [4] און קיין חכמה נישט געלערנט. עס איז פאַר אונדז בעסער צו בעטן דעם מלך שלמה ער זאָל אונדז דערלויבן [5] צו פאָרן אַהיים.

גייען זיי זאָגן צום מלך שלמה:

— אַדוני מלך [6]! דרייצן יאָר דינען מיר דיר געטריי; פון אונדזער הויזגעזינד [7] וויסן מיר גאָרנישט, ווער וויסט צי זיי לעבן נאָך, און דערצו האָבן מיר זיך פון דיר גאָרנישט נישט אויסגעלערנט אין די דרייצן יאָר. דעריבער בעטן מיר דיך, זאָלסט אונדז געבן רשות [8] צו פאָרן אַהיים.

רופט שלמה המלך דעם מאַן, וואָס האָט געהאַט די שליסלען [9] צו זיינע אוצרות [10] און זאָגט צו די דריי ברידער:

— קלייבט אייך אויס וואָס איר ווילט: אָדער איך זאָל יעדן פון אייך אויסלערנען דריי חכמות, אָדער געבן יעדן פון אייך צו הונדערט רענדלעך.

[1] Wisdom. [2] Valet. [3] To leave. [4] Served.
[5] To allow. [6] My Lord, King. [7] Family.
[8] Permission. [9] Keys. [10] Treasures.

האַלטן זיך די ברידער אָן עצה [11] וועגן דעם און באַשליסן בעסער צו נעמען די הונדערט רענדלעך פאַר יעדן פון זיי.

גיט זיי שלמה המלך צו הונדערט רענדלעך און זיי געזעגענען זיך [12] מיט אים און פאָרן אַהיים.

ווי זיי זענען געווען פיר מייל פון ירושלים, זאָגט דער ייִנגסטער צו די עלטערע צוויי ברידער:

— ברידער מיינע, וואָס האָבן מיר געטאָן? זענען מיר דען געפאָרן צו שלמה המלך געלט פאַרדינען? מיר זענען דאָך געפאָרן חכמה לערנען. און אַז שלמה המלך האָט אונדז שוין יאָ געוואָלט לערנען חכמה, האָבן מיר זיך געלאָזט פאַרפירן [13] פון דעם ווילן צו זיין רייך, פון דעם יצר הרע [14] נאָך געלט און זיך אָפּגעזאָגט צו הערן די חכמות. מיר האָבן געטאָן אַ גרויסע נאַרישקייט. אויב איר ווילט מיך פאָלגן, איז מיין עצה: מיר זאָלן צוריקגיין צו שלמה המלך, אָפּגעבן אים דאָס געלט און בעסער לערנען חכמה. ווייל געלט פאַרגייט [15] און חכמה אויף אייביק באַשטייט [16].

זאָגן די ברידער צו אים:

[11] Consult. [12] Take leave. [13] Mislead. [14] Temptation.
[15] Passes away, is spent. [16] Remains.

— דו קענסט טאָן, ווי דו זאָגסט. מיר וועלן בעסער האַלטן דאָס געלט.

קערט זיך דער ייִנגסטער ברודער צוריק, קומט צו שלמה המלך און זאָגט:

— אַדוני מלך, איך בין ניט אַהער געקומען פון געלט וועגן, נאָר חכמה צו לערנען; דערפאַר בעט איך דיך, נעם צוריק דאָס געלט און לערן מיך בעסער די דריי חכמות אויס.

ווי שלמה המלך האָט דאָס דערהערט, זאָגט ער צו אים אַזוי:

— מיין קינד, ווען דו וועסט זיין אויף אַ וועג, זאָלסטו געוואָרנט זיין [17] צו געפינען אַן אָרט צו נעכטיקן [18] איידער עס ווערט נאַכט. און אַוועקגיין פון דאָרט זאָלסטו ערשט ווען דער מאָרגנשטערן גייט אויף [19]. דאָס איז איין חכמה.

די צווייטע חכמה איז: ווען דו זעסט אַ טייך איז גרויס געוואָרן, ס'איז אָנגעקומען אַ סך וואַסער, זאָלסטו וואַרטן ביז דאָס וואַסער וועט אָפּלויפן, און דעמאָלט ערשט דעם טייך אַריבערגיין.

און די דריטע חכמה איז: קיין סוד [20] זאָלסטו פאַר קיינעם, אַפילו פאַר דיין ווייב, ניט דערציילן. דאָס זענען די דריי חכמות.

געזעגנט זיך דער יונגערמאַן מיטן מלך שלמה און פאָרט גיך נאָך זיינע ברידער.

ווי ער איז צו זיי געקומען, פרעגן זיי אים וואָס פאַר אַ חכמות ער האָט געלערנט פון מלך. דערציילט ער זיי. לאַכן זיי אים שטאַרק אויס.

ווי עס איז געקומען פאַרנאַכט, קומען זיי אין אַ גרויסער שטאָט אַריין. זאָגט צו זיי דער ייִנגסטער ברודער:

— ליבע ברידער, מיין עצה [21] איז מיר זאָלן דאָ איבערנעכטיקן און גאַנץ פרי, ווען דער מאָרגנשטערן וועט אויפשיינען, וועלן מיר צוזאַמען אַוועקפאָרן.

[17] Be careful. [18] Pass the night. [19] Dawn [20] Secret
[21] Advice.

זאָגן צו אים די צוויי ברידער:

— דו נאַר, מיר קענען דאָך נאָך אָפּפאָרן אַ מייל וועגס, איי-דער עס וועט נאַכט ווערן, און דו הייסט אונדז דאָ בלייבן נעכ-טיקן.

זאָגט צו זיי דער ייִנגסטער ברודער:

— איך וועל טאָן אַזוי ווי דער מלך שלמה האָט מיך גע-לערנט. איך וועל דאָ בלייבן נעכטיקן און איר מעגט אייך פאָרן ווייטער.

פאָרן די צוויי ברידער ווייטער אַוועק און דער ייִנגסטער גייט זיך אין אַ גאַסטהויז[22] אַריין, עסט אָפּ און לייגט זיך שלאָפן.

און די ברידער פאָרן ווייטער. אַז עס איז גאַנץ גוט נאַכט געוואָרן, זוכן זיי אַן אָרט איבערצונעכטיקן, אָבער עס איז ניטאָ. האָבן זיי געמוזט נעכטיקן אויפן פרייען פעלד. און אַזוי ווי עס איז געווען אַ גרויסע קעלט, זענען זיי פון דער קעלט געשטאָרבן.

דער ייִנגסטער ברודער איז בשלום[23] די נאַכט איבערגע-שלאָפן, און ווי דער מאָרגנשטערן האָט אויפגעשיינט[24], איז ער געפאָרן נאָך זיינע ברידער.

קומט ער און זעט ווי זיי ליגן ביידע טויט. מאַכט ער אַ גרויס געשריי און ווייגט שטאַרק. אָבער עס העלפט ניט. נעמט ער פון זיי דאָס געלט, באַגראָבט זיי און פאָרט ווייטער.

קומט ער צו אַ טייך, זעט ער — דער טייך האָט פאַרפלייצט[25] די ברעגעס. וואַרט ער ביז דאָס וואַסער וועט אָפּלויפן, וועט ער דאָן דעם טייך אַריבערגיין. דערווייל זעט ער: די קנעכט פון שלמה המלך, וואָס פאָרן אַרום צונויפנעמען צינזן[26], קומען אויך אָן צום טייך, מיט ווייסע צוויי אייזלען[27] געלאָדן[28] פול מיט גאָלד.

זאָגן אים די קנעכט:

[22] Guesthouse. [23] Safely. [24] Light up. [25] Flood.
[26] Taxes. [27] Donkey. [28] Loaded.

— פאַרוואָס גייסטו ניט אַריבער דעם טייך?
זאָגט ער צו זיי:
— איך וועל וואַרטן ביז דאָס וואַסער וועט אַביסל אָפּלויפן, ווייל עס איז אַצינד מער וואַסער ווי שטענדיק.
לאַכן זיי פון אים שטאַרק און זאָגן: מיר ווייסן, אַז מע קען אַריבערגיין, דאָס וואַסער איז נישט טיף. און זיי פאָרן אין וואַסער אַריין.
אין מיטן טייך איז אָבער זייער טיף געווען, זענען זיי דערטרונקען געוואָרן [29] מיט די אייזלעך און מיטן געלט.
דער יונגערמאַן האָט געוואַרט ביז דאָס וואַסער אין טייך איז אָפּגעלאָפן. דאַן פאָרט ער אַריבער דעם טייך און געפינט דאָס געלט, וואָס די קנעכט האָבן געהאַט. נעמט ער דאָס געלט און פאָרט זיך אַהיים בשלום.
ווי ער קומט אַהיים פרעגן אים די ווייבער פון זיינע צוויי ברידער אויף זייערע מענער. זאָגט ער, אַז זיי זענען נאָך געבליבן ביי שלמה המלך זיך חכמות לערנען.
און ער האָט דאָך שוין געהאַט אַ סך געלט, קויפט ער זיך פעלדער, וויינגערטנער [30], קנעכט, דינסטן און שטעלט אויף אַ גרויסן פּאַלאַץ.
איין מאָל פרעגט אים זיין ווייב:
— מיין ליבער מאַן, ווי אַזוי איז צו דיר געקומען אַזוי פיל געלד?
זאָגט ער צו איר:
— מיין ווייב, איך בעט דיך, זאָלסט מיך וועגן דעם ניט פרעגן. אין אַ צייט אַרום האָט זי אָבער ווייטער געפרעגט. איז ער געוואָרן אין כעס אויף איר און האָט איר נאָך אַמאָל געזאָגט זי זאָל אים וועגן דעם ניט פרעגן, ווייל ער קאָן עס פאַר קיין פאָל נישט דערציילן.

[29] Drown. [30] Vineyards.

זי האָט אים אָבער אָנגעהויבן שטאַרק איבערצורעדן; האָט ער איר דערציילט די גאַנצע מעשה פון זיינע צוויי ברידער און פון די קנעכט פון שלמה המלך.

אין אַ קורצער צייט אַרום טרעפט זיך, אַז ער האָט זיך שטאַרק צעקריגט מיט זיין ווייב. הייבט זי אָן צו שרייען:

— דו מערדער, רוצח[31], ווילסט מיך הרגענען ווי דו האָסט דיינע צוויי ברידער טויט געשלאָגן? אָדער אַזוי ווי די קנעכט פון שלמה המלך?

ווי די ווייבער פון יענע צוויי ברידער האָבן דאָס דערהערט, זענען זיי באַלד אַוועקגעלאָפן צום מלך שלמה און פאַרקלאָגט[32] דעם יינגסטן ברודער.

גיט שלמה המלך אַרויס אַ באַפעל[33] מען זאָל דעם יינגסטן ברודער דערהרגענען[34]. נעמט מען באַלד דעם יינגסטן ברודער און מע פירט אים אַרויס אויפן פלאַץ אומצוברענגען. הייבט זיך אָן דער יינגסטער ברודער צו בעטן מע זאָל אים פירן צו שלמה המלך, ער האָט אים עפּעס אַ נייטיקע זאַך צו דערציילן.

דערפילט מען זיין פאַרלאַנג און מע פירט אים צום מלך. ווי ער קומט פאַר דעם מלך, פאַלט ער אים צו די פיס און זאָגט:

— מיין האַר — דער מלך זאָל אייביק לעבן! דער קיניג זאָל וויסן, אַז איך בין איינער פון די דריי ברידער, וואָס האָבן דיר דרייצן יאָר געדינט, דו זאָלסט אונדז דערפאַר חכמות לערנען. איך בין דער יינגסטער, וואָס האָט דיר דאָס געלט צוריקגעבראַכט און פון דיר דריי חכמות געלערנט; צוויי האָב איך געהאַלטן און די דריטע ניט.

און ער דערציילט אים די גאַנצע מעשה. פאַרשטייט דער מלך שלמה, אַז ער זאָגט דעם אמת.

זאָגט ער צו אים:

— שטיי אויף, דו ביסט פריי! פאָר אַהיים און לעב דיר וואויל!

[31] Murderer. [32] Report. [33] Order. [34] To kill.

די קו און די קוקאַווקע [1]

א

איינמאָל איז אַ קו געגאַנגען שפּאַצירן. געגאַנגען און געגאַנגען און גראָז געגעסן, ביז זי האָט דעם וועג אַהיים פאַרגעסן. הייבט זי אויף די אויגן און זעט, אַז עס איז שוין נאַכט און זי שטייט אין מיטן וואַלד. דערשרעקט זיך די קו און וויינט:

„מו, מו, מו; פינצטער איז מיר!

ווי איז מיר, וואָס וועט מיין קעלבעלע [2] טאָן?

מו, מו, מו!"

האָט עס דערהערט די קליינע קוקאַווקע, איז זי געקומען צו־פליען און צו דער קו אַזוי געזאָגט:

„נאַרישע קו, וואָס וויינסטו? איך וועל דיר דעם וועג ווייזן. קום מיט מיר!"

„אַ דאַנק, אַ דאַנק דיר גוטער פויגל!" האָט די קו זיך דער־פרייט, „לאַנג לעבן זאָלסטו!"

די קוקאַווקע איז אָבער אַ שלעכטע געווען און זי האָט די קו געפירט און געפירט טיפער אין וואַלד אַריין דאָרט וואו די בייזע [3] וועלף וואוינען.

„כאַ, כאַ, כאַ!" האָט די קוקאַווקע פּלוצים[4] זיך צעלאַכט, אַ פלאַטער [5] געטאָן מיט די פליגל און אַוועקגעפלויגן.

„מו, מו, מו," האָט די קו זיך ווידער צעוויינט: „מען האָט מיך אָפּגענאַרט [6], ווי צו מיר און ווינד [7]".

האָט דער ווינט דערהערט איר געוויין און געקומען צופליען פון זייער ווייט און איר אַזוי געזאָגט:

[1] Cuckoo. [2] Young Calf. [3] Bad, Wicked. [4] Suddenly. [5] Flutter, Shake. [6] Delude, Trick. [7] Woe to me.

„וואו-או-או, קיעלע, זיי שטיל און וויין נישט אַזוי, וועלן די וועלף דיך נישט הערן און נישט וויסן וואו דו ביסט״.

האָט דאָס קיעלע אָבער נישט פאַרשטאַנען און נאָך מער געוויינט:

„מו, מי, מו, ווער וועט מיין קעלבעלע עסן געבן? ווי איז מיר און ווינד!״

האָבן די וועלף איר קול דערהערט און געקומען און זי אויפ־געגעסן.

ב

אין יענער נאַכט האָט די קוקאַווקע אַ בייזן חלום געזען: אַ קליין קעלבעלע בלאָנקעט אַרום [8] אין וואַלד און וויינט: „מאַמע, מאַמעלע קרוין, וואו ביסטו?״

האָט דאָס שלעכטע פייגעלע זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף [9] און געקוקט אין פינצטערן [10] וואַלד אַריין. האָט זי קיינעם נישט געזען, אָבער זי האָט געהערט אַ קול פון גרויסן געוויין:

[8] Not know the way. [9] Wake up. [10] Dark.

„מ אַ מ ע! איך בין איינע אַליין געבליבן!"

איז דעם פייגעלעס האַרץ ווייך [11] געוואָרן און עס האָט איר באַנג געטאָן [12] פאַר וואָס זי האָט די קו פאַרפירט [13] צו די וועלף. האָט זי הויך גענומען רופן:

„קו! קו! קום צוריק! דיין קעלבעלע רופט דיך!" נאָר די קו ענט-פערט נישט. די קו איז שוין נישטאָ. און פון דעמאָלט אָן, ווי נאָר די קוקאָווקע לייגט זיך שלאָפן, זעט זי דאָס קעלבעלע בלאָנ-דזשען [14] אין וואַלד אַליין, און ווען זי כאַפּט זיך אויף, הערט זי ווי דאָס קעלבעלע וויינט: „וואו ביסטו, מאַמע?"

וויינט די קוקאָווקע אויך מיט אַ טרויעריק [15] קול: „קו, קו, קו!"

און אַזוי וועט זי שוין אייביק [16] וויינען און רופן: קו, קו!" און אייביק וועט איר באַנג טאָן.

[11] Tender, Soft. [12] Regret, be Sorry. [13] Mislead.
[14] Stray. [15] Sad. [16] Forever.

פאַרדונגען דעם ווינט

מעשהלעך פון אַמאָל

(יידישע פאָלקס-מעשה)

אַמאָל איז געווען אַ פּוילישער קיניג, אַ גרויסער ריטער [1]. פלעגט ער זיך איבערטאָן ווי אַ געוויינטלעכער בעטלער [2] און זיך לאָזן איבער דער מדינה [3] הערן וואָס עס טוט זיך אינעם לאַנד.

[1] Knight. [2] Beggar. [3] Country.

איין מאָל איז דער קיניג אַזוי געגאַנגען איבערן לאַנד און האָט פאַרבלאָנדזשעט [4] אין אַ וואַלד. אַ גאַנצן טאָג איז ער גע־גאַנגען ניט געגעסן, ניט געטרונקען. ערשט פאַרנאַכט האָט ער דערזען אַ שיין פון ליכט, איז ער נאָכגעגאַנגען דער שיין און איז צוגעקומען צו אַ קרעטשמע [6]

אין דער קרעטשמע האָט געוואוינט אַ ייד, אַ גרויסער מכניס אורח [7]. דער ייד האָט זיך זייער דערפרייט מיטן גאַסט און אים געגעבן צו עסן און צו טרינקען און געמאַכט אים אַ ווייך געלע־גער צום שלאָפן [8]. צו מאָרגנס האָט זיך דער גאַסט פונאַנדער־

[4] Get lost. [5] Glow, Light [6] Inn. [7] Hospitable Person.
[8] Place to sleep.

גערעדט מיטן יידן, געפרעגט אים פון וואָס ער לעבט, ווי עס גייט אים מיט פרנסה[9]. דער ייד האָט זיך גענומען באַקלאָגן[10] אויף די שלעכטע צייטן.

— אָט אַזוי, ווי דו זעסט, מיין ליבער פריינד, מיט פרנסה איז שווער. מ'איז קיין מאָל נישט זיכער. מען לעבט, אַזוי צו זאָגן, פון ווינט.

פאַרן געזעגענען[11] זיך רופט זיך אָפּ דער גאַסט צום יידן: זאָלסט וויסן זיין, אַז איך בין אַ פאַרשטעלטער[12] פריץ און ווייל דו האָסט מיך אַזוי שיין אויפגענומען[13], וויל איך דיך באַלוינען[14] דערפאַר. קלייב דיר צוזאַמען אַ 300 גילדן און קום צו מיר קיין וואַרשע, וועל איך דיר געבן אַן אַרענדע[15], פון וואָס דו וועסט האָבן שיין פרנסה. ער האָט געגעבן דעם יידן זיין קאַרטל מיטן אַדרעס און איז אַוועקגעגאַנגען מיטן וועג וואָס פירט פון וואַלד אַרויס.

אין אָנהייב האָט דער ייד אים ניט געגלייבט, זיין ווייב אָבער האָט אים צוגערעדט[16] צו פאָרן קיין וואַרשע אויסצוגעפינען די זאַך. האָט ער פאַרקויפט דעם ווייבס צירונג[17] און די זילבער-נע לייכטער, געבאָרגט וויפל עס האָט זיך געלאָזט ביי די קרו-בים, צונויפגעקליבן די 300 גילדן און איז אַוועקגעפאָרן צום פריץ קיין וואַרשע.

געקומען קיין וואַרשע, האָט ער באַוויזן דאָס קאַרטל מיטן אַדרעס, האָט מען אים אַריינגעפירט אין קיניגס פּאַלאַץ אַריין. האָט ער זיך זייער שטאַרק דערשראָקן, נאָר אַרויסגיין צוריק, האָט מען אים שוין ניט געלאָזט.

[9] To make a living. [10] Complain. [11] Parting.
[12] Disguised. [13] Received. [14] Reward [15] Lease of...
[16] Urged. [17] Jewelry.

אַ דערשראָקענער, איז ער נאָכגעגאַנגען דעם דינער וואָס האָט אים געפירט איבער טונקעלע קאָרידאָרן און ליכטיקע צי־מערן ביז ער האָט אים אַריינגעפירט אינעם קיניגס קאַבי־נעט [18] אַריין.

— וואַרט אַ ווײַלע אין דעם צימער, ביז איך וועל קומען נאָך דיר — האָט דער דינער אים אַ זאָג געטאָן, און אים איבערגע־לאָזט אַליין.

שטייט ער אַזוי, דער ייד, און דאָס האַרץ ציטערט אים פון שרעק. עפנט זיך פּלוצים אויף אַ טיר און עס קומט אַריין דער זעלבער פּריץ וואָס איז געוועזן ביי אים אין דער קרעטשמע. ווערט דער ייד נאָך מער פאַרוואונדערט [19] און דערשראָקן. מיט ציטערנדיקע הענט ווייזט ער דעם קיניג דאָס קאַרטל און וויל אָנהייבן עפּעס זאָגן, אָבער דער קיניג קוקט זיך איין אינעם קאַרטל און פרעגט: — האָסטו אויך געבראַכט די 300 גילדן?

[18] Office. [19] Astonished.

— אָט דאָ האָסטו אַ קאָנטראַקט אויף אַ יאָר!

— מיט גרויסע שווערינקייטן, מיין האַר, — דערלאַנגט אים דער ייד דאָס געלט. דער קיניג קוקט אָבער אַפילו ניט אויף דעם, נאָר שרייבט שנעל אויף אַ פּאַפּיר מיטן קיניגס זיגל [20] אויף דעם און גיט עס דעם יידן.

— אָט דאָ האָסטו אַ קאָנטראַקט אויף אַ יאָר. — שמייכלט ער און טוט אַ מאַך מיט דער האַנט ווי צום געזעגענען. דאָס הייסט אַז דער שמועס האָט זיך געענדיקט.

גייט דער ייד אַרויס אין גאַס, לייענט איבער. שטייט אין פּאַ-פּיר, אַז דער קיניג האָט אים געגעבן אין אַרענדע דעם ווינט פון גאַנצן לאַנד אויף אַ יאָר צייט.

וואונדערט זיך דער ייד. ווי קאָן מען האָבן אין אַרענדע דעם ווינט? עס איז דאָך נישט קיין קרעטשמע, אָדער פעלד וואָס מען קאָן באַאַרבעטן און האָבן דערפון פּרנסה?

— אַ פיין שפּיצל [21] האָט מיר אָפּגעטאָן דער קיניג... אַ שיין געשעפט געמאַכט! אַוועקגעלייגט אַ פאַרמעגן אויפן ווינט... — איז אים זייער טרויעריק געוואָרן אויפן האַרצן.

אויף מאָרגן פאָרט דער ייד אַהיים. פאָרט ער און דערזעט פלוצים אַ געביידע [22] וואָס האָט גרויסע פליגל, וואָס האַלטן זיך אין דרייען. שטעלט ער זיך אָפּ און פרעגט וואָס דאָס איז.

זאָגט מען אים:

— ווייסט ניט? ס׳איז אַ ווינטמיל. מען מאָלט דאָ תבואה [23] אויף מעל, און די פליגל דרייען זיך פונעם ווינט.

קומט דעם יידן אין געדאַנק די מעשה מיטן קאָנטראַקט פון קיניג. גייט ער אַריין צו דעם מילנער און זאָגט אים:

— ווי איך זע באַנוצטו זיך מיטן ווינט, און דער ווינט גע-הערט [24] צו מיר.

[20] Seal. [21] Trick [22] Building. [23] Grain. [24] Belongs.

און ער ווייזט אים דעם קיניגס קאָנטראַקט. באַטראַכט דער מילנער דאָס פּאַפּיר: — ריכטיק, דעם קיניגס זיגל.

פרעגט דער מילנער, וואָס ער פאַרלאַנגט פאַר דעם באַנוצן זיך מיטן ווינט. הייסט זיך דער ייד געבן 100 גילדן. דינגט זיך[25] דער מילנער און זיי קומען דורך ער זאָל באַצאָלן אַביסל ווייני- קער.

פאָרט דער ייד ווייטער און זעט: הויך אויף אַ באַרג שטייען פינף אַזוינע מילן. קומט ער אַריין, ווייזט דעם קיניגס פּאַפּיר און הייסט זיך געבן 2000 גילדן פאַרן יאָר. האָט דער באַלעבאָס, ווייזט אויס, געמאַכט גוטע געשעפטן האָט ער ניט איבערגע- רעדט קיין וואָרט און באַצאָלט.

אַזוי האָט דער ייד געמאַכט אַ גרויס פאַרמעגן[26] פון פאַר- דינגען דעם ווינט.

ש. באַסטאָמסקי לויט ש. אשכנזי.



[25] Bargains. [26] Fortune.

ניט צופרידן

(לעגענדע)

איבערדערציילט פון א. נסתר

צווישן הויכע געדיכטעביימער איז געוואַקסן אַ קליין, נידע-ריק נאָדל-ביימל. האָט זיך דאָס ביימל אָנגעהויבן באַקלאָגן[1] אויף זיין מזל[2]:

— סיי ווינטער, סיי זומער דאַרף איך טראָגן די זעלביקע קליידער. ווי גליקלעך וואָלט איך געווען, ווען איך וואָלט געהאַט גרינע בלעטער.

און עס האָט זיך דערהערט אַ קול:

— דיין פאַרלאַנג[3] וועט דערפילט ווערן.

אויף מאָרגן איז דאָס נאָדלביימל שוין געווען אין גאַנצן באַ-דעקט מיט גרויסע, גרינע בלעטער. דאָס נאָדלביימל איז געווען זייער גליקלעך מיט זיינע נייע קליידער.

אָבער קורץ איז געווען זיין פרייד. אַ סך יונגע הירשן[4] האָבן דערשמעקט דעם פרישן ריח פון גרינע בלעטער, זענען זיי זיך צונויפגעלאָפן און אויפגעגעסן אַלע גרינע בלעטער — און דאָס נאָדלביימל איז געבליבן נאַקעט.

— אויב אַזוי — האָט דאָס נאָדלביימל געזאָגט מיט פאַר-דראָס[5] — וויל איך גאָלדענע בלעטער. גאָלדענע בלעטער וועלן די חיות ניט קענען עסן. אויפן צווייטן טאָג איז דאָס נאָדלביימל שוין געווען אויסגעפוצט[6] מיט שווערע, פינקלדיקע[7] גאָלדענע בלעטער. די בלעטער האָבן געגלאַנצט און באַשטראַלט דעם וואַלד מיט זייער שיין.

אָבער איידער דאָס נאָדלביימל האָט נאָך באַוויזן זיך אָנצו-פרייען[8] מיט די גאָלדענע בלעטער זיינע, זענען אָנגעקומען מענטשן, וואָס זענען געפאָרן אויף אַ יאַריד[9]. דערזען אַזאַ אוצר

[1] To Complain. [2] Luck. [3] Wish. [4] Stag, Deer.
[5] Resentment. [6] Dressed up. [7] Sparkling, Glittering.
[8] Enjoy. [9] Fair.

פֿון גאָלד, האָבן זיי זיך אַלע אַ לאָז געטאָן צוםביימל און אָפּגע־ריסן אַלע בלעטער, און עס שיר [10] נישט צעבראָכן אין גאַנצן.
דאָס נאָדלביימל איז ווידער געבליבן הויל און נאַקעט.

— אויב אַזוי — האָט זיך געבעטן דאָס ביימל — וויל איך גלע־זערנע [11] בלעטער, מיט זיי וועל איך שוין געוויס זיין זיכער. קיי־נער וועט זיי נישט אויפּעסן, קיינער וועט זיי אויך נישט אַראָפּ־רייסן פֿון מיר.

צומאָרגנס איז דאָס ביימל געווען באַדעקט מיט קלאָרע, דורכזיכטיקע [12], גלעזערנע בלעטער. עס האָט זיך געפֿילט שטאָלץ [13] און דערהויבן מיט זיינע נייע קליידער, וואָס וועלן שוין בלייבן נייע אויף אייביק [14].

אָבער באַלד איז אָנגעקומען אַ גרויסער שטורעמווינט. דער ווינט האָט די גלעזערנע בלעטער צעבראָכן און געמאַכט פֿון זיי אַ הייפֿל גלאָזשטויב [15].

מיט טרערן אין די אויגן האָט דאָס נאָדלביימל זיך געבעטן, מע זאָל אים צוריק אומקערן די טייערע גרינע נאָדלען, וואָס האָבן אים באַשיצט, און האָבן אים אַזוי גוט געפּאַסט [16].

זיין פֿאַרלאַנג איז דערפֿילט געוואָרן. דאָס נאָדלביימל האָט זיך אויפֿגעהערט צו קלאָגן און אָנגעהויבן טראָגן זיינע נאָדלען מיט פֿרייד און שטאָלץ.



[10] Almost. [11] Glassy. [12] Transparent. [13] Proud.
[14] Forever. [15] Glassdust. [16] Was Fitting.

דאָס קלוגע פּאַסטעכל [1]

(פאָלקס־מעשה)

איבערדערציילט פון ש. שאַפּיראָ

אַמאָל איז געווען אַ קליין פּאַסטעכל דאָס פּאַסטעכל איז גע־ווען זייער קלוג. מענטשן פון אַלע עקן לאַנד זענען געקומען פאַרהערן [2] דאָס פּאַסטעכל, און ער האָט אויף אַלע פראַגעס גע־געבן זייער קלוגע ענטפערס.

איז דאָס פּאַסטעכל באַרימט געוואָרן אין גאַנצן לאַנד און די געשיכטעס [3] וועגן זיין חכמה האָבן דערגרייכט [4] צום קיניג. דער קיניג האָט זיך אויסגעלאַכט און נישט געוואָלט גלייבן.

האָט מען געבראַכט דאָס פּאַסטעכל צום קיניג, ער זאָל אים אַליין זען און הערן.

זאָגט דער קיניג צום פּאַסטעכל:

— אויב דו וועסט מיר ענטפערן אויף די דריי פראַגעס, וואָס איך וועל דיר שטעלן, וועל איך דיך אַריינעמען אין קיניגלעכן פּאַלאַץ אַריין און וועל דיך האַלטן ווי אַן אייגן קינד.

— וואָס זענען די פראַגעס? — האָט דאָס פּאַסטעכל גע־פרעגט.

— מיין ערשטע פראַגע איז — האָט דער קיניג געזאָגט — וויפל טראָפּנס [5] וואַסער זענען דאָ אין ים?

האָט דאָס פּאַסטעכל געענטפערט:

— אויב דער קיניג וועט לאָזן אָפּשטעלן אַלע וואַסערן, וואָס לויפן אין ים אַריין, איידער איך הייב אָן צו ציילן, וועל איך דיר זאָגן וויפל טראָפּנס וואַסער עס זענען דאָ אין ים.

דעם קיניג איז דער ענטפער געפעלן געוואָרן און ער האָט געזאָגט:

— די צווייטע פראַגע איז: וויפל שטערן זענען דאָ אין הימל?

[1] Shepherd. [2] Examine. [3] Stories. [4] Reached

[5] Drop.

דאָס פּאַסטעכל האָט גענומען אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר און מיט אַ שאַרפער פען געמאַכט אַזוי פיל פינטעלעך אַז ס׳האָט אָנגעהויבן צו שווינדלען[6] אין די אויגן, ווען מע האָט דערויף אַ קוק געטאָן.

[6] To be dizzy.

דאַן האָט ער געזאָגט צום קיניג:

— צייל איבער אָט די פינטעלעך. אָט אַזויפיל שטערן זענען דאָ אין הימל.

— גוט — האָט דער קיניג געזאָגט — איצט קומט די דריטע פראַגע:

— וויפל סעקונדעס זענען דאָ אין דער אייביקייט?[7]

אויף דעם האָט דאָס פאַסטעכל אַזוי געענטפערט:

— ווייט, ווייט פון דאַנען שטייט אַ באַרג, איז ער אַ מייל די לענג, אַ מייל די ברייט און אַ מייל די הייך. איין מאָל אין הונ-דערט יאָר קומט צו דעם באַרג אַ פויגל און שאַרפט[8] אָן זיין שנעבעלע אין באַרג. ווען דער באַרג וועט אין גאַנצן אָפּגעריבן ווערן[9] וועט אַריבער איין סעקונדע פון דער אייביקייט.

דער קיניג האָט אויסגעהערט און געזאָגט:

— יאָ, דו האָסט מיינע פראַגעס פאַרענטפערט ווי אַ חכם.

און דאָס פאַסטעכל איז געבליבן ביים קיניג אין פּאַלאַץ און איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסער און באַרימטער חכם.

[7] Eternity. [8] Sharpens. [9] Will be erased.

דער ווילנער גאון און דער דובנער מגיד

(לויט ש. אשכנזי — ש. באַסטאַמסקי)

אַמאָל האָט דער ווילנער גאון געזאָגט, אַז ער וואָלט זיך זייער געוואָלט באַקענען[1] און זיך דורכרעדן מיטן דובנער מגיד.

ווען דער דובנער מגיד האָט זיך דערפון דערוווסט, האָט ער גענומען דעם שטעקן מיטן טלית און תפילין און זיך געלאָזט גיין קיין ווילנע.

געגאַנגען איז ער צו פוס, אַמאָל אַ ביסל געפאָרן, אָפּגע-שטעלט זיך, אויפן וועג, אין אַ שטעטל, געזאָגט אַ דרשה[2] און

[1] Get acquainted. [2] Sermon.

פּאַרדינט אַ פּאָר גילדן אויף הוצאות [3]. און אַזוי איז ער דערגאַנ-
גען ביז ווילנע.

געקומען קיין ווילנע, איז ער באַלד אַריין צום ווילנער גאון.

דער גאון איז ווי אַלעמאָל געזעסן אין זיין באַזונדערן חדר [4]
און געלערנט. אַז מען האָט אים אָנגעזאָגט, אַז דער דובנער מגיד
איז געקומען, האָט ער אים אַריינגעבעטן [5], געגעבן שלום, גע-
בעטן זיצן און צו אים געזאָגט:

— דובנער מגיד, זאָגט עפּעס.

ניט קלערנדיק [6] קיין סך, רופט זיך אָפּ דער דובנער מגיד:

— רבי, איך וויל אייך דערציילן אַ מעשה:

אַמאָל האָט אַ דאָרפס-ייד, אַן אַרענדאַר [7] געוואָלט קויפן אַ
קו צו מעלקן [8]. איז ער אַוועק אויפן יאַריד, געקויפט אַ קו, זי
אַהיים געטריבן און צו דעם ווייב געזאָגט:

— הער, חיה, איך האָב דיר געקויפט אַ קו. איז דאָס שוין איין
מאָל אַ קו. זי וועט געבן מילך צום באָדן זיך! כאַפּט די אַרענדאַר-

[3] Expenses [4] Room, Study. [5] Invited. [6] Think.
[7] Innkeeper. [8] To milk.

קע דאָס מעלקשעפּל [9] און גייט מעלקן די קו. אין אַ ווײַלע אַרום קומט זי צוריק.

— וואָס איז?

— די קו מעלקט זיך גאָרניט...

פרעגט דער אַרענדאַר:

— צי האָסטו דער קו עסן געגעבן? אַ גאַנצן טאָג געגאַנגען און ניט געגעסן, ווילסטו זי זאָל זיך מעלקן?

[9] Pail for milkink.

דער גאון האָט פאַרשטאַנען דעם דובנערס מיין און געזאָגט צו זיין משמש [10].

— הייס אַריינברענגען פאַרן דובנער עפּעס איבערצו־בייסן [11].

דער דובנער מגיד האָט זיך געוואַשן און אָפּגעגעסן.

נאָכן עסן זאָגט ווידער דער גאון צום דובנער:

— נו, דובנער מגיד, זאָגט־עפּעס.

ענטפערט דער דובנער:

— אַלץ די מעשה מיט דער קו:

געגעבן דער קו עסן, גייט די אַרענדאַרקע זי מעלקן. באַלד קומט זי אָבער צוריק מיט אַ טענה [12], אַז די קו גיט אַלץ נישט קיין טראָפּן מילך.

פרעגט דער אַרענדאַר:

— צי האָסטו איר געגעבן אַ טרונק וואַסער? אַ גאַנצן טאָג געגאַנגען אין דער היץ אָן אַ טראָפּן וואַסער, פון וואָס זאָל זי זיך מעלקן?

דער גאון האָט פאַרשטאַנען די אָנצוהערעניש [13] און געזאָגט צום משמש:

— הייס געבן דעם דובנער מגיד אַ גלעזל טיי.

נאָך דער טיי רופט זיך אָפּ דער גאון:

— נו, דובנער מגיד, זאָגט עפּעס.

שטעלט זיך אויף דער דובנער און זאָגט:

— רבי, נאָך אַמאָל די אייגענע מעשה מיט דער קו: אָנגע־טרונקען די קו, גייט שוין די אַרענדאַרקע מיטן מעלקשעפל אויף זיכער מעלקן די בהמה. ערשט זי קומט ווידער צוריק שוין גאָר אַ בייזע:

— אַ שיינע קו האָסטו מיר געקויפט!... שוין געגעסן, גע־טרונקען און מעלקן מעלקט זי זיך נאָך אַלץ ניט!

[10] Rabbi's personal assistant. [11] To eat. [12] Complaint.
[13] Hint.

זאָגט דער אַרענדאַר:

— זיי ניט בייז, חיה! דו דאַרפסט פאַרשטיין: די קו איז געגאַנ-
גען אַ גאַנצן טאָג אויף דער היץ, ניט געגעסן ניט געטרונקען,
ווילסטו זי זאָל האָבן מילך? לאָז זי איבער נאַכט זיך אויסרוען. צו
מאָרגנס וועט זי זיך שוין זיכער מעלקן.

דעם גאון איז די תשובה [14] געפעלן געוואָרן און ער האָט
געזאָגט צו דעם דובנער מגיד:

— דובנער מגיד, גייט זיך אָפּרוען [15], איר זענט מיד פון וועג,
איך בעט אייך אָבער איר זאָלט מאָרגן ווידער קומען.

[14] Answer. [15] To rest.